# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת דברים תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 493

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### קחו עמכם די ספר דברים

"אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף בֵּין פָּארָן וּבֵין תֹּפֶל וְלָבָן וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב" (א א)

**רבי אליהו הכהן פון איזמיר בעל 'שבט מוסר' זאגט:**

ווען א מענטש וויל תשובה טוהן און זיך רייניגן פון זיינע זינד, קומט אים ארויף אין זיין הארץ א געדאנק פון פארצווייפלונג; אסאך מאל האט ער שוין תשובה געטוהן אויף זיינע זינד און ווידער איז ער אדורכגעפאלן, וואספארא פנים האט ער זיך ווידער שטעלן פארן באשעפער און תשובה טוהן?! אבער פאר אים שטייט דער גאנצער 'ספר דברים' און געבט אים חיזוק און טרייסט; ווייל פון איין זייט שילדערט די תורה א גאנצע קייט פון זינד וואס די אידן זענען אדורכגעפאלן אין מדבר, און פון דער צווייטער זייט ווערט דערציילט אז כאטש יעדעס מאל נאכן תשובה טוהן זענען זיי ווידער אדורכגעפאלן, פון דעסטוועגן איינמאל נאכן צווייטן האט דער אויבערשטער מוחל געווען זייערע זינד.

דער געדאנק איז מרמז דער נביא זאגנדיג (הושע יד ב-ג): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ; קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", ער מיינט אזוי צו זאגן: אויך אויב דו ביזסט אדורכגעפאלן אונטער די שווערע פעקל פון דיינע זינד, זאלסטו נישט זיין ביי דיר צובראכן, נאר "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים" - לערן זיך פון ספר דברים וואס לערנט אונז ווי ווייט הקב"ה איז א חנון המרבה לסלוח, "וְשׁוּבוּ אֶל ה'" ווייל ער וועט זיכער אננעמען מיט ליבשאפט דיין תשובה. דער 'שבט מוסר' לייגט צו און צייכנט אן אז זיינע ווערטער זענען געבויעט אויף א מדרש חז"ל (ראה שמ"ר לח ד): "איך האב געטראפן אין מדרש אז 'קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים' גייט ארויף אויף ספר דברים".

'אגדת אליהו' סוף מסכת יומא

### ספר דברים דער בעסטער מוסר-ספר

אריבערגייענדיג די בלעטער פון די אידישע היסטאריע, געפינען מיר נישט ווייניג עדות אויף די ספעציעלע באציאונג וואס די גדולי ישראל האבן געהאט אויפן לערנען ספר דברים אלץ א ריכטיגער מוסר-ספר.

דער **'פרי צדיק'** זאגט עדות אז דער 'יהודי הק' **פון פשיסחא** האט זיך געפירט לערנען יעדן טאג עטליכע פסוקים פון חומש דברים, זאגנדיג אז דאס דינט פאר אים ווי א ספר מוסר. דער **'שם משמואל'** לייגט צו און ברענגט אז היהודי הק' פלעגט זאגן "די בעסטע פון די ספרי מוסר איז ספר משנה תורה. און פלעגט מעורר זיין זיינע תלמידים זאלן שטענדיג לערנען משנה תורה כדי זייערע הערצער זאל נתעורר ווערן".

אויך אויף **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן** בעל 'שואל ומשיב' ווערט דערציילט, אז פאר די וואס האבן אים געפרעגט וואספארא ספר מוסר לוינט זיך לערנען אין די ימי התשובה - חודש אלול, פלעגט ער ענטפערן מיטן לשון הפסוק אין הושע (יד ג): "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'" - לערנט ספר דברים, און דורכדעם וועלן ענקערע הערצער נתעורר ווערן תשובה צו טוהן. און עס איז באקאנט די ווערטער פון **של"ה הק'** (בפתיחת ספרו) אז אלע דברי מוסר וואס זענען געזאגט געווארן אין אלע דורות "אלעס איז מרומז אין די מוסר פון משה רבינו ע"ה, פאר דער וואס האט אויגן דאס צו זעהן..."

'פרי צדיק' אות א; 'שם משמואל' תרע"ה

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די גאולה

נאנט צו צוויי טויזנט יאר זענען אדורכגעגאנגען זינט יענעם ביטערער טאג, ווען דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן און מיר זענען פארטריבן געווארן אין א לאנגער און שווערער גלות, וואס פון דעם זענען מיר נאכנישט אויסגעלייזט. די אמונה אין די גאולה איז איינגעווארצלט אין אונזערע הערצער און מיר זענען אויף דעם ערצויגן געווארן פון קינדווייז אן. אבער דער פאקט אז אין לויף פון אלע דורות האבן די אידן געגלויבט און געווארט אויף די גאולה, און פון דעסטוועגן איז זייער האפענונג נישט ערפילט געווארן, עפנט די טיר פאר'ן יצר הרע מיר זאלן טראכטן: איז דען מעגליך אז די ישועה וועט קומען פונקט אין דעם יאר? מיט וואס איז עס אנדערש פון אלע פארגאנגענע יארן, וואס פארא מעלה האט די דור מער פון די אלע דורות וואס האבן געהאפט און געווארט, און דאך האבן זיי נישט זוכה געווען צו זען משיח'ן?

אבער דער אמת איז, אז מיט די יארן ווערט נענטער די זמן פון די גאולה, און מיט יעדן טאג וואס גייט פארביי און מיר האבן נישט זוכה צו ביאת המשיח, ווייסן מיר אז מיר האבן זיך דערנענטערט מיט נאך א טאג נענטער צו דער גלוסטיגן ציל.

אונזער פעסטע אמונה אין די גאולה דערקלערן מיר יעדן טאג אינדערפרי און ביינאכט, מיטן ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די גאולה, למשל: 'מחיה המתים'; 'בונה ירושלים'; 'מצמיח קרן ישועה'; 'המחזיר שכינתו לציון' און נאך אנדערע ברכות אין זייער גלייכן. ביים ענטפערן אמן אויף זיי דערקלערן מיר אונזער אמונה אז השי"ת איז דער "א-ל מלך נאמן" צו מקיים זיין זיינע הבטחות איבער די צוקונפטיגע גאולה, און מיר שטעלן זיך צו צו די געבעהט פונעם מברך אז די הבטחות זאלן ווי פריער מקויים ווערן.

אמן און די גאולה זענען אנגעהאנגען איינס אינעם צווייטן; די אינערליכע אמונה אין די גאולה אין געוואנדן אין ענטפערן אמן מיט כוונה, ווייל ווי דער 'מגלה עמוקות' זאגט (פרשת ואתחנן): "עיקר האמונה תלויה בעניית אמן", און די גאולה וואס מיר ווארטן אויף דעם איז אנגעהאנגען אין אונזער אמונה. אויב מיר וועלן ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און גלייבן באמונה שלימה, וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה ווי אומשנעלסטן.

איך האב עס ארויסגעלערנט פון די ווערטער פון די חכמים ('מדרש תהילים' לא) וואס דרש'ענען אזוי דעם פסוק (תהילים לא כד) "אמונים נוצר ה'": "דאס זענען די אידן וואס זאגן 'ברוך מחיה המתים', און מיט אמונה ענטפערן זיי אמן - ווייל זיי גלייבן מיט זייער גאנצער כח אין הקב"ה אז ער איז מחיה המתים... זיי זאגן 'ברוך בונה ירושלים' ווען זי איז נאכנישט אויפגעבויעט. זאגט הקב"ה: די אידן... גלייבן אין מיר אז איך וועל זיי אויסלייזן, ד.מ. "אמונים נוצר ה'" - די וואס גלייבן און ענטפערן אמן, נוצר ה'". זעהן מיר אז ענטפערן אמן אויף די ברכות פון אמונה, ברענגט ארויס די אמונה אין די גאולה, און טוהט צואיילן איר אנקומען.

דער ענין איז אויך מרומז אין די אויספיר פון די תפילה 'יחדשהו' וואס ווערט געזאגט יעדן שבת מברכים: "ולגאולה שלימה ונאמר אמן"; אויב מיר ווילן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, דארפן מיר מקפיד זיין ענטפערן אמן.

מיר וועלן ענטפערן אמן מיט כוונה אויף די ברכות פון די גאולה און אויף אלע ברכות בכלל, און מיר וועלן זוכה זיין אז נאך דאס יאר וועט מקוים ווערן די נבואה פון זכריה הנביא (ח יט) אז די טעג וואס מיר פאסטן און קלאגן אויף די חורבן "יהיה לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים", אמן.

**מיט א רוף "ולגאולה שלימה ונאמר אמן"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# גם כי אתפלל בגיא צלמות לא אירא רע

הרב סיני אדלער, וועלכער האט געדינט אלס דער ערשטער רב פון דער שטאט אשדוד, איז געבוירן געווארן אין דער שטאט פראג אין טשעכאסלאוואקיי. ער איז געווען א יונגל ווען דער שרעקליכער חורבן האט אויסגעבראכן און איז פארטריבן געווארן צוזאמען מיט זיין פאמיליע צו די געטא אין טערזיענשטאט. שפעטער איז ער פארוואגלט געווארן צו די פארניכטונג'ס-לאגערן אוישוויץ און מאוטהאוזען, ביז ער האט זוכה מיטן אויבערשטנס הילף גראטעוועט ווערן פון די גיהנום און ארויף גיין קיין ארץ ישראל.

זיינע ערציילונגען איבער די שרעקליכע יארן שילדערט ער אין זיין באקאנטן בוך 'בגיא צלמות', א בוך וואס צווישן זיינע בלעטער זענען געוועבט א ריינע אידישע אמונה און וואונדערליכע ערציילונגען אויפן אידישן לעבן וואס איז ווייטער אנגעגאנגען אפילו אין די פינסטערניש.

א באזונדערער קאפיטל אין זיין בוך האט ער מקדיש געווען פאר אן אומבאקאנטן אונגארישער איד וועמענ'ס נאמען ער האט נישט געקענט, אבער זיין געשטאלט איז אויסגעקריצט געווען אין זיין באוואוסטזיין ביזן סוף פון זיין לעבן. דער איד וועלכער הרב אדלער האט באגעגנט אין די אוישוויצער לאגער, האט אויף אים געמאכט א שטארקן איינדרוק, צוליב דעם וואס ער האט זיך געהאלטן אין זיין פעסטע אמונה אין די שווערע צייטן פונקט ווי אין די רואיגע צייטן. אויך זייענדיג צוטרויטן אונטער די שטיוול פון די פארשאלטענע נאצי"ס האט ער מקפיד געווען אויף אלע אידישע מנהגים, און האט זיך אויך געשטארקט צו מחזק זיין אלע זיינע ארומיגע.



די טויער פון די אוישוויץ-בירקענאו לאגער טויער

רבי סיני, וועלכער איז ווי דערמאנט, געווען א יונג בחור'ל אין יענע שווערע צייטן, האט פון אים געצויגן חיזוק און חיות, טרייסט און האפענונג. אלס אביישפיל דערויף דערציילט ער אין זיין בוך, אין איין אינדערפרי, בשעת זיי זיינען געשטאנען אין די הויף פון די לאגער אין דער ביטערער קעלט, געווארט אויף דעם פרימארגן 'אפעל', האט דער מענטש באמערקט אויף אים זיין צוקלאפטן גייסט, איז ער צו אים צוגעגאנגען און געפרעגט: "מיין טייער קינד, אין תהלים (כז, יד) שטייט: 'קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה"; אפשר קענסטו מיר ערקלערן פארוואס דער פסוק חזר'ט צוויי מאל די באפעל "קוה אל ה'", איז דען איינמאל נישט גענוג מיר זאלן דאס פארשטיין?"

"אלס א יונגער בחור'ל", דערציילט רבי סיני, האב איך נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, און דער מענטש וואס האט געפילט מיין ענגשאפט האט תיכף געענטפערט: איך וועל דיר זאגן; אפילו א מענטש וואס איז שטארק אין זיין אמונה, קען אמאל אריינפאלן אין שווערע צייטן וואו ער קען חלילה פארלירן זיין האפענונג צו השי"ת, דערפאר נאכן באפעלן פאר יעדן איד: 'קוה אל ה'!', באטאנט ער נאכאמאל, אז אפילו ווען דו ביזסט אין א שווערע סיטואציע, 'חזק ויאמץ לבך' - שטארקט מיט אלע דיינע כוחות, און האפ ווייטער צו ה'!

"די ווערטער האט דעמוטיגט מיין גייסט און אריינגעגעבן אין מיר פרישע כוחות אויף יענע צייטן, און איז אויך אויסגעקריצט געווארן אין מיין קערפער אויף אייביג", דערציילט רבי סיני, "און נישט אומזיסט, נאר ווייל דער וואס האט געזאגט די ווערטער איז געווען א צדיק תמים וואס האט טאקע געלעבט אין ליכט פון אמונה, אפילו אין די גרעסטע צרות האט ער זיך קיינמאל נישט אוועקגעריקט פון זיין אמונה און פון זיינע הלכה'דיגע הנהגות, און ווי עס ווערט גוט ארויסגעברענגט אין די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה וואס איך האב מיטגעהאלטן:

יעדע אוונט פלעגט איך קוקן מיט שעצונג אויף דעם איד ווען מיר פלעגן צוריקקומען צו די באראק צום שלאפן, נאך א שווערע טאג ארבעט, האט ער זיך געשטעלט דאווענען מעריב נעבן זיין בעט. בשעת ער האט געדאוונט האט ער אויסגעזעהן ווי א אינזל פון רואיגקייט אין הארץ פון גיהנום.

איין נאכט, ווען ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען די שטילע "שמונה עשרה", ווי איינער וואס שטייט פארן קעניג, איז מיטאמאל אריינגעקומען א מענטש וועלכער איז געווען באקאנט אלס 'די בלאק עלטסטער'.

אין יעדע פליגל פון די נאצישע לאגערן איז געווען א מענטש וואס האט געהאט אט דעם טיטל, זייענדיג דער אויפזעער פון די נאצישע אויטאריטעטן. אסאך פון יענע 'בלאק עלטסטע' זענען געווען פיינע מענטשן און האבן אויך אויסגענוצט זייער פאזיציע צו פארגרינגערן די ארעסטאנטן, אבער אין דער פליגל וואו ער איז געווען האט געדינט אלס דער 'בלאק עלטסטער' א בייזער און גרויזאמער מענטש, וועלכער איז געווען א דייטשער ארעסטירטער. אויף זיין העמד איז געווען אנגעצייכנט א 'גרינע דרייעק' - א צייכן אז ער איז א פאראורטיילטער פארברעכער פון די ערגסטע סארט, אבער ביי זיין באציאונג צו אונז 'נידריגערע' אידישע ארעסטאנטן, האט ער זיך געפילט אין זייער א הויכע ראנג, און ער דאס האט אויסגענוצט ביי יעדער געלעגנהייט אונז צו טעראריזירן און שלעכט'ס טוהן און שטערן אונזער לעבן.

לויט די געזעצן פונעם לאגער, האט דער 'בלאק עלטסטער' געהאט די זעלבע פאזיצע ווי די עס.עס. אליין, דעריבער ביים אריינגיין אין באראק האבן אלע ארעסטאנטן געמוזט שטיין אן זיך ריקן, און דערצו איז געווען פארבאטן צו שטיין אין זייער געגנוואר מיט א קאפ צודעק.

אויסער דעם, אין אלע נאצישע לאגערן איז געווען א אלגעמיינע אנווייזונג: "ווען דו גייסט אריין אין באראק, נעם אראפ דיין הוט!", דאס הייסט, אין אלגעמיין איז געווען פארבאטן צו בלייבן אין דער באראק מיט א צוגעדעקטן קאפ. און יעצט איז אריין אין באראק דער שלעכטער מענטש וועמענ'ס אכזריות איז געווען באקאנט, אין דער צייט וואס דער הייליגער איד האט אויסגעגאסן זיין הארץ צו השי"ת ביים דאווענען, ווי קיינער וואלט נישט געווען ארום אים, און זיין קערפער שאקלט זיך מיט א ברען. עס איז געווען ערווארטעט ער זאל אויפהערן צו דאווענען, אבער צו די גרויסע איבערראשונג האט ער ווייטער געדאוונט, ווען ער איגנארירט אינגאנצן דעם 'בלאק עלטסטער'.

דער רשע האט אויף אים געקוקט מיט פייער אין די אויגן, ערווארטענדיג אז ער זאל אליינ'ס פארשטיין וואס עס פארלאנגט זיך פון אים, אבער דער מענטש האט ווי דערמאנט אים איגנארירט, און דאס האט עס שטארק אנגעצינדן.

"שטיי שטיל און טוה אויס דיין הוט, דזשיד!" האט יענער א געשריי געטוהן אויפגערעגטערהייט, אבער דער איד האט דאס נישט באנומען, ער האט ווייטער געדאוונט און נישט וויסנדיג געמאכט פון די טומל ארום.

ארום אים זענען מיר אלע געשטאנען דערשראקן און באזארגט, און זיך געוואונדערט אויף זיין מוט און פעסטקייט אקעגן דעם אויפגערעגטן רשע. מיר האבן זייער גוט געוואוסט די גרויסע סכנה וואס ער האט גענומען אויף זיך. זיך אקעגן שטעלן דעם בלאק עלטסטער איז געווען ווי זיך אקעגן שטעלן פאר א נאצי-אפיציר, און ער האט געהאט די מעגליכקייט אים צו באשטראפן מיט זייער א הארבער שטראף.

צו די גרויסע וואונדער, כאטש יענער האט 'געפלאצט' פון גרימצארן, איז ווי כאילו געפאלן אויף אים ציטער און א שרעק. דער איד האט ממשיך געווען דאווענען, און נאכדעם וואס ער האט געענדיגט און אויסגעטרויטן די דריי טריט אויף צוריק, האט ער אראפגענומען דאס הוט, צוגעגאנגען צום 'בלאק עלטסטער' און עקלערט מיט געדולד און אן מורא די סיבה פארוואס ער איז געבליבן מיט די הוט, ווייל ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, און עס איז דער מנהג ביי אידן צודעקן די קאפ בשעת'ן דאווענען.

ס'איז נישט געווען קיין שום ערקלערונג אויף די פאקט אז מען האט אנגענומען דעם איד'ס ווערטער. עס איז געווען א אפענער נס צו זען ווי אנשטאט א הארבע שטראף, האט דער בלאק עלסטער זיך 'באגענוגט' מיט שרייען עטליכע שפאס ווערטער, און האט אינגאנצן באפרייט דעם איד פון א שטראף.

'בגיא צלמות' עמ' 86

# די כוונה פון אמן

## נאך די דריי ערשטע ברכות פון שמונה עשרה

די דריי ערשטע ברכות פון שמו"ע ווערן אנגערופן 'ברכות השבח', דערפאר ביים ענטפערן 'אמן' דארף מען אינזין האבן די כוונה 'אמת'. אבער עס זענען דא וואס זאגן אז ווייל אין די ברכות 'מגן אברהם' און 'מחיה המתים' ווערן דערמאנט געוויסע הבטחות וואס מיר ווארטן עס זאל שוין מקוים ווערן, דערפאר ביים ענטפערן אמן נאך זיי דארף מען אינזין האבן די כוונה וואס איז צוגעפאסט צו די בקשות און תפילות: 'עס איז אמת אז דער אויבערשטער איז מגן אברהם און איז זוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם, ויהי רצון עס זאל ווי שנעלער מקוים ווערן'; 'עס איז אמת אז דער אויבערשטער איז מחיה המתים, ויהי רצון עס זאל ווי שנעלער מקוים ווערן'.

### מקורות וביאורים:

אין מסכת ברכות (לד ב) זאגן די חכמים אז ביים זאגן די דריי ערשטע ברכות זעהט אויס דער מתפלל ווי א "עבד שמסדר שבח לפני רבו", און עס ווערט געברענגט אין רמב"ם (תפילה א ד) און אין טור (או"ח קיב). דער ב"ח (או"ח קכד), דער של"ה (מסכת תמיד אות נט), דער 'פרי מגדים' (או"ח נא משב"ז ג) און דער 'מחצית השקל' (קכד י בדעת ה'מגן אברהם' שם), שרייבן אז דין פון די ברכות איז פונקט ווי די אנדערע ברכות השבח, וואס מען ענטפערט נאך זיי אמן מיט די טייטש פון 'אמת'. און אזוי זעהט אויס די שיטה פון 'שלחן ערוך הרב' (שם ט). אויך אין 'יסוד ושורש העבודה' (שער ה פרק ג) טייטש ער אזוי די כוונה פון ענטפערן אמן אויף די דריי ברכות: "אמת שיש להודות להשי"ת שהוא מגן ומושיע לכל העולם והיה מגן לאברהם"; "אמת שיחיה המתים לעתיד לבוא, וראוי וישר להודות להשי"ת על זה"; "אמת שהוא קדוש ואין להשיג קדושתו" [און זעה דארט אין קאפיטל ד, ווי ער לייגט צו און שרייבט אז די ערשטע דריי ברכות פון שמו"ע "אין שייך, רק כוונה אחת: אמת שהוא כן וראוי להודות להשי"ת על זה"].

אבער דער 'ביאור הלכה' (קכד ו) שרייבט אין די כוונה פונעם 'מגן אברהם' (שם י), אז ווייל ביי די ברכה "מגן אברהם" ווערט דערמאנט די גאולה אין די ווערטער: "גומל חסדים טובים וקונה הכל וזוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם", און ביי די ברכה "מחיה המתים" ווערט דערמאנט תחיית המתים, וואס זיי זענען הבטחות וואס מיר ווארטן זיי זאלן ווי שנעלער מקויים ווערן, דערפאר ביים ענטפערן אמן דארף מען אינזין האבן אויך 'אמת' און אויך 'יהי רצון', אזוי ווי מען האט אינזין ביים ענטפערן אמן אויף ברכות וואס האבן א שבח און א בקשה. דער 'בן איש חי' (תרומה אות יא) און דער 'כף החיים' (ה יד) ברענגען די דעה אין נאמען פון 'יש אומרים' און זענען נישט מכריע, און אויך דער 'ביאור הלכה' פירט אויס: "וצריך עיון למעשה".

דער 'ביאור הלכה' באטאנט דארט אז לויטן 'מגן אברהם' דארף מען אינזין האבן ביים ענטפערן אמן אויף די ברכות 'מגן אברהם און 'מחיה המתים' אז די בקשות זאלן ווי **אומשנעלסטן** מקויים ווערן. דאס קומט פארענטפערן די הערה פונעם 'פרי מגדים' (שם) אז ביים ענטפערן אמן אויף די ברכה 'מחיה המתים' מיט די כוונה 'יהי רצון' ליגט אין דעם כפירה אין תחיית המתים, ווייל דער וואס בעהט אזוי ווייזט מיט דעם אז ער איז נישט פארזיכערט אז עס וועט מקוים ווערן. אבער אויב ער האט אינזין אז די הבטחה זאל ווי **אומשנעלסטן** מקוים ווערן, איז שוין נישטא דער חשש, ווייל די בקשה איז נישט אויף די עצם תחיית המתים, נאר עס זאל זיין ווי פריער.

אויף די ברכה 'אתה קדוש', שרייבט דער 'ביאור הלכה' אז ווייל אין די ברכה דערמאנט מען נישט א הבטחה וואס מיר ווארטן דערויף, איז אויך דער מגן אברהם מודה אז מען דארף אינזין האבן נאר 'אמת' אליין ('ביאור הלכה' שם). און זעה אין רמ"א (או"ח סו ג; קט א, ע"פ משנ"ב סו כא) אז ענטפערן אמן אויף די ברכה האט א באזונדערע חשיבות ווייל די ברכה ענדיגט די ערשטע דריי ברכות.

•

## נאך די מיטלסטע ברכות פון שמונה עשרה

די 'מיטלסטע ברכות' פון שמו"ע ווערן פאררעכנט אלס 'ברכות בקשה', ווייל זייער גאנצע ענין איז בקשות און תפילות. אבער, ווייל ביים אויספיר דערמאנט מען די שבחים פון הקב"ה, דערפאר ביים ענטפערן אמן דארף מען אינזין האבן: 'אמת' און 'יהי רצון'. און צ.ב.ש.: ביים ענטפערן אמן אויף די ברכה 'חונן הדעת' וואס האט אין זיך א בקשה אויף דעת אבער עס ענדיגט זיך מיט א לויב - חונן הדעת, דארף מען אינזין האבן די צוויי כוונות - "עס איז אמת אז דער אויבערשטער איז חונן הדעת, ויהי רצון ער זאל געבן פארשטאנד".

### מקורות וביאורים:

נאך די דריי ערשטע ברכות וואס זיי זענען 'ברכות שבח', האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען א סעריע 'ברכות בקשה' וואס אין זיי בעהט דער מענטש אויף זיינע באדערפעניש, און אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות שם) אז ביי די מיטלסטע ברכות איז דער מתפלל ווי א "עבד שמבקש פרס [שפייז (רש"י מגילה ו ב ד"ה פרס)] מרבו". די אלע ברכות הייבן זיך אן מיט א בקשה און ענדיגן זיך מיט א לויב [אויסער די ברכה 'אתה חונן' וואס זייענדיג נאנט צו די ברכות השבח, הייבט זיך אן מיט א שבח ('עיון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות', ברכת 'אתה חונן', בשם מהרשד"ל)], דער ב"ח (או"ח קכד בשם 'סידור ה"ר הירץ') און אזוי אויך דער של"ה האלטן (מסכת תמיד אות סא) אז ביי די ברכות דארף מען אינזין האבן אויך 'אמת' און אויך 'יהי רצון', און אזוי איז די אויספיר פון די פוסקים ('ה'שלחן ערוך הרב' שם ט; 'עוד יוסף חי' [לבעל ה'בן איש חי'] פרשת ויחי אות טז; ה'כף החיים' ה יד וה'משנה ברורה' שם כה).

די ברכה 'שומע תפילה' ענדיגט די מיטלסטע ברכות, און דערפאר ענטפערן אמן נאך דעם האט א באזונדערע חשיבות (רמ"א או"ח סו ג ו'משנה ברורה' שם כא).

# אמן אין די רונד פון די יאר



## גלות צוליב נישט ענטפערן אמן

חז"ל זאגן אז צוליב די זינד פון נישט ענטפערן אמן איז ארץ ישראל חרוב געווארן און די אידן זענען פארטריבן געווארן פון זייער לאנד, ווייל אזוי דרש'ענען זיי (ספרי האזינו פיסקא שכ) דעם פסוק וואס שטייט ביי שירת האזינו (דברים לב יט-כ): "ויאמר אסתירה פני מהם אראה מה אחריתם כי דור תהפוכות המה בנים לא אמן בם"; "אל תהי קורא 'לא אמון בם' אלא: 'לא אמן בם' - זיי האבן נישט געוואלט ענטפערן אמן נאך די נביאים, ווען זיי האבן זיי געבענטשט".

א רמז אויף די ווערטער פון חז"ל אז דער חורבן האט פאסירט צוליב די זינד פון נישט ענטפערן אמן, לערנען ארויס רבותינו בעלי התוספות פון דער פסוק וואס שטייט אין מגילת איכה (ב ז) אויף דער חורבן: "זנח א-דני מזבחו נאר [-ער האט מבטל געווען] מקדשו הסגיר ביד אויב חומת ארמונותיה"; די תיבת "זנח" איז די אותיות 'חזן', און די ראשי תיבות 'א-דני מזבחו נאר' זענען 'אמן', דיך צו לערנען אז צוליב די זינד פון נישט ענטפערן אמן איז די בית המקדש חרוב געווארן ('תוספות השלם' שם).

אויף דעם איז דער פייטן אויך מקונן זאגנדיג (קינות לתשעה באב, 'איכה ישבה'): "זכרה זמן אשר נעשה ונשמע השיבו, ועתה ענות אמן לא אבו...".

## דאס גרינגשעצן אין אמן – א דאפלטע זינד

ווייל די חורבן הבית איז געקומען צוליב די זינד פון נישט ענטפערן אמן, כדי זוכה זיין צו די גאולה השלימה מיטן אויפבוי פון בית המקדש השלישי דארף מען מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. אין דער ענין ברענגט רבי אליהו הכהן מאיזמיר בעל 'שבט מוסר' ('מנחת אליהו' דרוש לב) א וואונדערליכער ביאור פון רבי ר' העשיל פון קראקא, וואס ער האט עס געהערט פון רבי מנחם הכהן אשכנזי א איידעם פון רבי אהרן שמואל קאיידנויבער בעל 'ברכת הזבח' וואס האט עס געהערט פון רבי ר' העשיל אליין:

דער מדרש זאגט (איכ"ר א נז) אז די חורבן בית המקדש האט פאסירט ווייל די אידן האבן געזינדיגט בכפליים, אזוי ווי עס שטייט (איכה א ח): "**חטא חטאה ירושלם**", און צוליב דעם זענען זיי אויך געשטראפט געווארן בכפליים אזוי ווי עס שטייט (ישעיה מ ב): "כי לקחה מיד ה' כפלים בכל חטאתיה", און אויך די נחמה וועט זיין בכפליים, אזוי ווי עס שטייט (שם מ א): "**נחמו נחמו** עמי יאמר אלקיכם". דער 'דאפלטע זינד' וואס די אידן האבן געזינדיגט איז די זינד פון נישט ענטפערן אמן. ווייל אין זוהר הק' (תרומה קעח א) איז ערקלערט אז די גימטרי' פון 'אמן' איז ווי די גימטרי' פון די צוויי שמות הקודש [הוי"ה און אדנ"י] צוזאמען, אויב אזוי קומט אויס אז ווען מען ענטפערט אמן איז מען מקיים א דאפלטע מצוה, און דערפאר יעדע גרינגשעצונג אין דעם ווערט גערעכנט ווי א 'דאפלטע זינד'.

אויך די שטראף - 'לקו בכפליים' - איז פארבינדן ספעציעל צו די גרינגשעצונג אין אמן, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין זוהר הק' (וילך רפו א) אז דער וואס טוהט גרינגשעצן אין אמן ווערט געשטראפט בכפליים. דערפאר וועלן זיי נישט זוכה זיין צו די נחמה פון צוריק בויען די בית המקדש נאר "בכפליים", ד.מ. ווען זיי וועלן צוריק מקפיד זיין אויף די דאפלטע מצוה, דאס איז די מצוה פון ענטפערן אמן. און די חכמים זאגן (ראה מדרש תהילים לא) אז אין זכות פון אמן קומט די גאולה.

נאך א רמז אויף די פארבינדונג צווישן די אמן און די גאולה זאגט דער 'בני יששכר' אין זיין ספר 'רגל ישרה' (מערכת א ערך אמן) אויפן פסוק (עמוס ט יא-יב): "ביום ההוא אקים את סכת דויד הנפלת...; נאם ה'" - אין זכות פון "נאם" [אותיות 'אמן'] "אקים את סכת דויד הנפלת".

דורשי רשומות האבן געזאגט אז די ווארט אמן איז אויך מרמז אויף דעם, ווייל אמן איז ר"ת: "**אליהו מבשר נגאלים**", און אזוי אויך: "**מעניית אמן נגאלים**" (קובץ 'אור תורה' חוברת כט [אלול תש"ל] סי' נ; 'משמחי לב' מערכת א' אות כח).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די ציון פון אר"י הק'

## דער אר"י הקדוש

### ה' אב של"ב

רבי יצחק לוריא - אשכנזי איז געבוירן געווארן אין יאר רצ"ד אין ירושלים צו זיין פאטער רבי שלמה, וועלכער האט געצויגן זיין יחוס ביז רש"י און דוד המלך. ווען ער איז געווען ארום אכט יאר אלט, איז זיין טאטע נפטר געווארן, און צוליב מאנגל אין פרנסה איז זיין מוטער געפארן קיין מצרים וואוינען אין הויז פון איר רייכן ברודער, הרב מרדכי פראנסיס.

אין מצרים האט ער געלערנט תורה אין די ישיבה פון דער רדב"ז, און שפעטער פון זיינ'ס א תלמיד רבי בצלאל אשכנזי דער מחבר פון 'שיטה מקובצת'. אין שאטן פון רבי בצלאל איז ער געשטיגן און אויסגעוואקסן א גדול אין תורה און חכמה, און האט אויך פארפאסט ספרים. ווען ער איז גרעסער געווארן האט זיין פעטער רבי מרדכי פראנסיס אים גענומען פאר א חתן פאר זיין טאכטער.

איין טאג איז צו אים אנגעקומען א כתב יד פון זוהר הק', און דורך דעם האט ער אנגעהויבן לערנען תורת הקבלה. זעקס יאר האט ער זיך אפגעזונדערט און געלערנט די חכמה, ווען אין די תקופה האט מען פאר אים געעפנט די טויערן פון הימל און ער האט זוכה געווען צו דערגרייכן די סודות פון די חכמה.

רבי חיים וואלאזשינער שרייבט אין זיין הקדמה אויף די פירוש פון זיין רבי דער גר"א אויף 'ספרא דצניעותא', אז דער גאנצער קערפער פונעם גאון פלעגט ציטערן ווען ער האט גערעדט פון דער אר"י הק', און פלעגט זאגן: "מה נאמר ומה נדבר אויף דעם קדוש ה'. א איש אלוקים קדוש ונורא ווי ער איז, און די סודות פון חכמה זענען פאר אים אנטפלעקט געווארן, און פון ווען ער האט זוכה געווען צו די התגלות פון אליהו הנביא זכור לטוב, האט זיך געדאפלט זיינע השגות".

ווען עס האבן זיך געענדיגט די 'התבודדות' יארן האט מען אים באפוילן פון הימל ארויפגיין קיין ארץ ישראל און דארטן אויסלערנען זיין וועג אין תורה פאר זיין תלמיד רבי חיים וויטאל. דער אר"י הק' איז ארויף קיין ארץ ישראל אין יאר ה'ש"ל און האט זיך באזעצט אין צפת. ארום דריי חדשים, ביז די פטירה פונעם רמ"ק, האט דער אר"י געלערנט ביי אים, און נאך די פטירה פונעם רמ"ק האבן זיך פארזאמלט אסאך תלמידים אין שפיץ פון רבי חיים וויטאל און געלערנט ביי אים תורה. אין לויף פון איין יאר מיט צען חדשים, ביז די הסתלקות פון דער אר"י האט רבי חיים געלערנט ביי זיין רבי'ן, און ער איז דער וואס האט אפגעשריבן און איבערגעגעבן די תורה פון זיין גרויסן רבי'ן פאר די קומענדיגע דורות.

ה' אב ה'של"ב איז דער אר"י נסתלק געווארן, און איז באערדיגט געווארן אויפן אלטן בית החיים אין צפת.

## אפילו אסאך האבן געזאגט די ברכות

רבי חיים וויטאל זאגט עדות אויף זיין רבי דער אר"י הקדוש אז ער פלעגט ענטפערן אמן נאך די מענטשן וואס האבן געזאגט ברכות השחר אין שוהל, און אזוי שרייבט ער: "**ווען ער איז געווען אין שוהל, און עפעס א מענטש האט געזאגט ברכות השחר, פלעגט ער זיצן און הערן און ענטפערן אמן, און אויך אויב ער האט געהאלטן אינמיטן דאוונען פלעגט ער זיך אפשטעלן, זיין שטיל און ענטפערן אמן, און אפילו אויב עס זענען געווען אסאך מברכים**" ('פרי עץ חיים' שער הברכות פרק ד, און עס זעהט אויס פון זיינע ווערטער אז אין שוהל פון דער אר"י פלעגט מען אויך זאגן די 'ברכות התורה' פאר אים).

## אפילו הונדערט מאל

רבי מאיר פאפירש ברענגט אויך די הנהגה פון אר"י הקדוש ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון אסאך מענטשן, נאר ער שרייבט קלאר "**אפילו הונדערט מענטשן האבן געזאגט ברכות פלעגט ער ענטפערן אמן נאך זיי**" ('אור צדיקים' ו ב, וכן העתיק ב'שערי תשובה' או"ח ו ה). צוליב דעם פסק'נט ער אז יעדער מענטש דארף גיין אויף די וועג און "דער וואס הערט ברכות השחר דארף ענטפערן אמן, אפילו אויב ער האט זיי געהערט הונדערט מאל" ('אור הישר' עמוד העבודה ז יא).